Division of Labor Standards
Permit and Certificate Unit
1220 Washington Ave.
Building 12, Room 185B
Albany, NY 12226

New York State Department of Labor
WORKING FOR YOU

# קאנטראקטער אנווייזונגען בריו I

דאטום: ____ / ____ / ______

ביגעלייגט זענען די:

- רעגולאציעס איבער די:
  - פארם ארבעטס קאנטראקטאר רעגיסטראציע סערטיפיקאטן
  - פלאנצער\פראצעסירער אימיגראנטן רעגיסטראציע סערטיפיקאטן
  - פארם ארבעטס קעמפ קאמיסארי פערמיטס
- סך הכל פון ניו יארק סטעיט ארבעטס געזעצן פארבינדן מיט פארם אדער עסן-פראצעסירונג ארבעט.

ביטע לייענט אדורך פארזיכטיג יעדע איינס.

איר מוזט באקומען א פארם ארבעטס קאנטראקטער רעגיסטראציע סערטיפיקאט איידער איר קענט אנהויבן ארבעטן אלס א פארם לעיבאר קאנטראקטער.

איר מוזט באקומען א פארם ארבעטס קעמפ קאמיסערי פערמיט אויב איר רישט זיך צו אפערירן א קאמיסערי וואס פארקויפט עסנווארג (ארייננגערעכנט מאלצייטן) אדער אנדערע פראדוקטן ביי א פארם ארבעטס קעמפ.

**פינגער-אפדרוק באדינגונגען:**

צו ערפילן די דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס אנווייזונגען, דאס יאר:

☐ **ווערט איר פארלאנגט** צו האבן אייער פינגער-אפדרוקן גע'סקענ'ט ביי א Morpho Trust USA אפיס וואס געפינט זיך אין NYS און שיקן א קאפיע פון די רעסיט פאר פינגער-אפדרוקונג צוזאמען מיט אייער אפליקאציע.

פאר Morpho Trust USA אפיס לאקאציעס אדער פאר מער אינפארמאציע קענט איר אדער:

- גייט צו: www.indentigo.com,
- זע 'פינגער-אפדרוק סקרינינג אנווייזונגען' צעטל (LS 121) אויף: http://www.labor.ny.gov/formsdocs/wp/LS121.pdf, אדער
- רופט טאל-פריי 472-6915 (877) אדער 219-0199 (877) פאר TDD\TTY אפליקאנטן.

☐ **ווערט איר נישט פארלאנגט** צו האבן אייער פינגער-אפדרוקן גע'סקענ'ט. מיר וועלן זיך פארשטענדיגן מיט אייך אויב א פינגער-אפדרוק סקען ווערט פארלאנגט אין דער צוקונפט.

**זע פארקערטע זייט פאר אפליקאציע אינפארמאציע**

**'אפליקאציע פאר פארם לעיבאר קעמפ קאמיסערי פערמיט און אפליקאציע פאר פארם לעיבאר קאנטראקטער רעגיסטראציע סערטיפיקאטן' (LS 113.1) אינפארמאציע:**

- ענטפערט אלע פראגעס
- ביטע טייפן אדער שרייבן מיט שווארצע טינט
- שטעלט צו קלארע און אקוראטע אינפארמאציע (פאלשע אינפארמאציע קען רעזולטירן אין אפזאג, סוספענדירונג אדער אנולירונג פון אייער סערטיפיקאט)

אויב איר נויטיגט זיך אין נאך אפליקאציעס, שרייבט צום אדרעס וואס געפינט זיך אויף די בויגן פון פארנט אדער דרוקט ארויס איינס פון http://www.labor.ny.gov/formsdocs/wp/ls113.1.pdf.

**צו אויספילן אייער אפליקאציע, ענטפערט אלע פראגעס און נעמט באזונדער אין אכט ווען איר ענטפערט דאס פאלגנדע:**

אויבן פונעם אפליקאציע, - לייגט אן "X" אין די קעסטל נעבן וואס איר גיבט זיך איין פאר:

- פארם לעיבאר קאנטראקטער רעגיסטראציע סערטיפיקאט
- פארם לעיבאר קעמפ קאמיסערי פערמיט

באמערקונג: אויב איר גיבט זיך איין פאר ביידע, לייגט אן "X" אין ביידע קעסטלעך.

| | |
|---|---|
| פראגע 2 | גיבט אן דעם אדרעס וואו דער סערטיפיקאט האט די מעגליכקייט אנצוקומען צו אייך די שנעלסטע וואס מעגליך.<br>אויב דער אדרעס איז אן פלאנצער, פראצעסירער, א.ד.ג., שרייבט "c/o" און גיבט די נאמען און אדרעס פון די פלאנצער אדער פראצעסירער. |
| פראגע 4 | מאכט זיכער אריינצורעכענען דעם זיפ קאוד אינעם אדרעס פון די פארם\פלענט. |
| פראגע 13C | אויב דער יוניט ראטע וואס דער ארבעטער וועט באקומען איז פער קעסטל, פער עמער, א.ד.ג., מוזט איר אנצייגן דעם ספעציפישן מאס פונעם יוניט, צום ביישפיל:<br>$0.40 פער 1 ⅛ בו. קעסטל,<br>$8.00 פער 1-20 ⅛ בו. עמער<br>אויב איר ווילט באצאלן דער ארבעטער פער שעה, שרייבט "פער שעה" נאכן ראטע. |
| פראגע 28 | שילדערט דעם פארברעכן מיט אייער אייגענע ווערטער אפגעזעהן ווען און וואו דאס האט פאסירט. |
| פראגע 29 | צוזאמען מיט אייער אפליקאציע, מאכט זיכער מיטצושיקן די פארלאנגטע אינשורענס דאקומענטן פון ביידע אייך און דעם פלאנצער אדער פראצעסירער צו ווייזן אויב איר האט ארבעטערס קאמפענסאציע און דיסעבילעטי אינשורענס דעקונג. |
| פראגע 31 | נאכ'ן אויספילן אלע פראגעס, **מוזט איר אונטערשרייבן אייער אפליקאציע.** |
| פראגע 34 | **דער פלאנצער אדער פראצעסירער מוז אונטערשרייבן דעם אפליקאציע.**<br>איר מוזט אויספילן א באזונדערע אפליקאציע פאר יעדן פלאנצער אדער פראצעסירער פארוועם איר רישט זיך צו ארבעטן אין ניו יארק סטעיט צווישן איצט און מערץ 31 פון קומענדיגן יאר. |

איינמאל די אפליקאציע איז אויסגעפילט און אונטערגעשריבן געווארן דורך אייך און דער פלאנצער אדער פראצעסירער, מאכט צוויי קאפיעס דערפון:

- האלט איין קאפיע פאר אייערע פיילס
- גיבט איין קאפיע פארן פלאנצער אדער פראצעסירער וואס האט אונטערגעשריבן די אפליקאציע פאר זייערע רעקארדס.

• שיקט מיט'ן פאסט די אריגינעלע אינעם צוגעשטעלטע קאנווערט אדער צום אדרעס וואס איר וועט טרעפן אויפ'ן פארנט פונעם בויגן

**אויב מיר באשטעטיגן אייער אפליקאציע,** וועלן מיר אייך שיקן א פארם לעיבאר קאנטראקטער סערטיפיקאט פון רעגיסטראציע, וועלכע איז גילטיג בלויז פארן דערמאנטן פלאנצער. **איר מוזט אלעמאל טראגן דער סערטיפיקאט מיט אייך ווען איר ארבעט אויפ'ן דזשאב וואו עס דעקט**

**ביטע באמערקט:**

**א סערטיפיקאט פון רעגיסטראציע ערלויבט נישט באשעפטיגונג וואס גייט נישט אין שפאן מיט סיי וועלכע מינימום וועידדזש געזעץ.**

אפטיילונג NYS 161.1 לעיבאר געזעץ: גילטיג פון יאנואר 1, 2020, דארף יעדע פארם ארבעטער ווערן ערלויבט כאטש 24 שעות אין-א-צי פון רו אין יעדע קאלענדאר וואך. אן ארבעטער קען מסכים זיין צו ארבעטן אויף זיין רו-טאג אבער ער מוז ווערן באצאלט ½ 1 מאל מער פונעם געהעריגע ראטע אויף וועלכע ער ווערט געווענליך באצאלט פאר אלע שטונדן געארבעט אויפ'ן רו-טאג.

אפטיילונג NYS 163-a ארבעט געזעץ: אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2020, מוזן אגריקולטוראלע ארבעטסגעבער באצאלן½ 1 מאל דער געוועגליכע ראטע פאר אלע שטונדן איבער 60 דורכאויס א קאלענדער וואך.